**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 10/9/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

## גאווערנער האקול אנאנסירט צווייטע יערליכע ניו יארק סטעיט פארשידנארטיגקייט, גערעכטיגקייט, אריינגעמונג און צוגענגליכקייט ארבעטסקראפט כינוס

***קאנפערענץ ברענגט צוזאם DEIA פראפעסיאנאלן און פירערשאפט פון אריבער סטעיט אגענטורן צו אויפקומען מיט סטראטעגיעס איבער די יעצטיגע מצב און אנטוויקלונגען פון DEIA***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט ניו יארק סטעיט'ס צווייטע יערליכע פארשידנארטיגקייט, גערעכטיגקייט, אריינגעמונג און צוגענגליכקייט ( Diversity, Equity, Inclusion, and Accessibility, DEIA) ארבעטסקראפט כינוס. די כינוס האט צוזאמגעברענגט DEIA פראפעסיאנאלן און פירערשאפט פון אריבער סטעיט אגענטורן צו אויפקומען מיט סטראטעגיעס איבער די יעצטיגע מצב פון DEIA און סיי נייע אנטוויקלונגען.

"פארשידנארטיגקייט איז ניו יארק'ס גרעסטע שטארקייט — עס זעהט זיך אן אין אונזער היסטאריע פון געזעלשאפטליכע גערעכטיגקייט און אין אונזער איינגעווארצלטע איבערגעגעבנקייט צו ציווילע רעכטן", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "אין די צייט וואס DEIA באמיאונגען ווערן אטאקירט אריבער דאס לאנד, האבן מיר זיך קאנצענטרירט צו בויען די מערסט פארשידנארטיגע אדמיניסטראציע אין די סטעיט'ס היסטאריע און צו פארזיכערן א מער גערעכטע און מער אריינגעמיגע צוקונפט פאר ניו יארקער."

"ניו יארקער דארפן פיהלן אז די רעגירונג פארטרעט זיי", **האט ליוטענאנט גאווערנער דעלגאַדאָ געזאגט.** "פאר די טובה פון אלע ניו יארקער, בין איך גאר פארפליכטעט צו היטן און פארשטערקערן אונזער סטעיט רעגירונג'ס פארשידנארטיגקייט און צו פארזעצן צו אפהאלטן די נויטיגע אפהאנדלונגען איבער DEIA כדי מיר זאלן שטענדיג קענען אויפנעמען פרישע געדאנקען און נייע שטימעס — דאס איז די וועג וויאזוי מיר פלעגן א שטערקערע און מער פארבינדענע ניו יארק."

**גאווערנער'ס טשיף דייווערסיטי אפיסער דזשוּליסא גוּטיערעז האט געזאגט,** "אונטער גאווערנער האקול'ס פירערשאפט, טוט ניו יארק סטעיט נישט בלויז זיך אפרופן צו די שוועריגקייטן פון דעם היינטיגן טאג, נאר זיי שטעלן אויך אוועק א דייטליכע נייע סטאנדארט פאר אריינגעמיגע רעגירונג. מיר זענען פארפליכטעט צו שאפן א רעגירונג וואס שפיגלט אפ די שטארקייט און רייכקייט פון אונזערע פארשידנארטיגע קאמיוניטיס — וואו סיסטעמען זענען יושר'דיג, געלעגנהייטן זענען גלייך פאר יעדן און יעדער ארבעטער פילט אז זיי באלאנגען. די היינטיגע צווייטע יערליכע ניו יארק סטעיט DEIA כינוס איז א מאמענט פאר אונז זיך צו פון פריש נעמען צו אונזערע באמיאונגען, פארטיפן אונזער פארפליכטונג און פארזעצן צו בויען אן ארבעטסקראפט וואס שפיגלט באמת אפ די מענטשן וועם מיר באדינען."

אנגעפירט דורך די גאווערנער'ס אפיס פון פארשידנארטיגקייט און אריינגעמונג ( Office of Diversity and Inclusion), איז די פארזאמלונג באשטאנען פון מומחיות'דיגע רעדנער, ווארקשאַפס, באעהרונג פארשטעלונגען, וואוילזיין אקטיוויטעטן און נעטווארקינג צו בויען סטראטעגישע באציאונגען.

ארויפבויענדיג אויף די הצלחה פון די ערשטע כינוס, האט די היי-יאריגע כינוס געהאט א צענטראלע פארזאמלונג רעדנדיג איבער דעם יעצטיגן לעגאלן מצב פון DEIA, אין צוגאב צו פינף ווארקשאַפּס וואס האבן זיך באצויגן צו די יעצטיגע באדערפענישן און נייע אנטוויקלונגען אין DEIA צו זיכער מאכן אז ניו יארק סטעיט'ס DEIA אינציאטיוון זענען ווירקזאם און אז זיי קענען אנגעהאלטן ווערן פאר לענגערע צייטן:

- געוואונען שטיצע פון פירערשאפט פאר DEIA באמיאונגען
- אויסברייטערן גערעכטיגקייט פון אינעווייניג אויף ארויס
- ארייננברענגען א צוגאנג וואס רעכנט זיך מיט טראומע פאר DEIA
- פארשטערקערן פאראנטווארטליכקייט אין DEIA דורכן זיך אפגעבן מיט זיך אליין
- אנטוויקלען א צוזאמענארבעטנדע נעטווארק פאר DEIA פראפעסיאנאלן: וואס ליגט אין די צוקונפט פאר DEIA פראפעסיאנאלן און וויאזוי גייט די ארבעט?

אין צוגאב, האט די סטעיט אנערקענט די עררייכונגען פון איין סטעיט אגענטור, איין אגענטור הויפט און איין DEIA פראפעסיאנאל וואס האבן אלע געמאכט אויסערגעווענטליכע ביישטייערונגען צו פאראויס שטופן DEIA אינציאטיוון פאר ניו יארק סטעיט. די באעהרונגען האבן געפייערט די וועלכע האבן ארויסגעוויזן אויסגעצייכנטקייט דורך זייערע באמיאונגען צו רעקרוטירן און אויפהאלטן טאלאנטפולע ארבייטער, שטיצן אן ארייננעמיגע און צוגענגליכע ארבעטספלאץ און שטופן פאר גערעכטיגקייט אין פאליסיס און פראגראמען. די דריי סערטיפיקאטן זענען געגעבן געווארן צו:

- ניו יארק סטעיט דעפארטמענט און לעיבאר
- דר. מינאסקע אלקאנטארא, עקזעקיוטיוו דירעקטארין פון די ניו יארק סטעיט בריק אויטאריטעט (New York State Bridge Authority)
- טאליא סענטיאגאָ-באנדס, טשיעף דייווערסיטי אפיסער פון די ניו יארק סטעיט אפיס פון גייסטישע געזונטהייט (Office of Mental Health)

**גאווערנער'ס טשיעף דיסאביליטי אפיסער, קים היל ריידלי, האט געזאגט,** "איך בין אזוי שטאלץ צו זיין א טייל פון אן אדמיניסטראציע וואס קאנצענטרירט זיך אויף דאס אוועקשטעלן א מער גערעכטע און ארייננעמיגע וועלט. גאווערנער האקול אנערקענט אז פארשידנארטיגקייט, גערעכטיגקייט און ארייננעמונג זענען קריטיש, און אז עס איז וועזנטליך צו געדענקען די וויכטיגקייט פונעם צולייגן די 'A' צו DEIA. צוגענגליכקייט איז א פונדאמענטאלע מענטשן רעכט, און דורכן גיבן פריאריטעט דערפאר, קענען מיר זיכער מאכן אז יעדער פילט געשעצט און ארייגענומען."

**עקזעקיוטיוו דירעקטארין פון די ניו יארק סטעיט אפיס פון שפראך צוטריט ( Office of Language Access), מארגאריטע לאַריאָס, האט געזאגט,** "באפולמעכטיגונג אין שפראך איז גאר וויכטיג צו באמת פייערן פארשידנארטיגקייט און פאראויס שטופן גערעכטיגקייט, ארייננעמונג און צוגענגליכקייט אין ניו יארק סטעיט. די גאר קאמפליצירטע און פארצווייגטע נאטור פון DEIA ארבעט פארלאנגט ספעציאליזירטע טרענירונג אבער אויך שטארקע שותפות'ן וועלכע הויבן זיך אפט אן אדער ווערן פארשטערקערט דורך געלעגנהייטן ווי די אייגנארטיגע כינוס. די NYS אפיס פון שפראך צוטריט איז דאנקבאר פאר טשיעף דייווערסיטי אפיסער דזשוּליסא גוּטיערעז און איר מאנשאפט פאר זייער הדרכה און אונזער אנגייענדע צוזאמענארבעט דורכאויס דעם גאנצן יאר, ארייננרעכענענדיג די היינטיגע געשעעניש וואו מיר האנדלען זיך איין אזויפיל מיט מאטיוואציע און כלים צו ווייטער פארברייטערן די ברייטקייט און טיפקייט פון אונזער השפעה צוזאמען. צוזאמען מיט OGS קאמישאנער דזשינעט מאָי'ס

אנטשלאסענע שטיצע און גאווערנער האקול'ס דורכגעטראכטע פירערשאפט, טוהען געשעענישן ווי דעם היינטיגן טאג אונז אינספירירן צו פארזעצן צו ארבעטן שווער צו באדינען אלע ניו יארקער."

**דעפארטמענט פון ציווילע סערוויס (Department of Civil Service) קאמישאנער, טימאטי האָגוס, האט געזאגט,** "ביי די ניו יארק סטעיט דעפארטמענט פון ציווילע סערוויס, ארבעטן מיר שווער צו פארשטערקערן די סטעיט רעגירונג ארבעטסקראפט און צו ערמוטיגן אפליקאנטן פון א ברייטע רייע פון הונטערגרונטן [צו אפלייען פאר רעגירונג דזשאבס] צו בעסער אפשפיגלען די וואונדערבארע פילפארביגקייט פון די 'עמפייער סטעיט' און די פילע אייגנארטיגע געזיכטן, שטימעס, הונטערגרונטן און געדאנקען פון די מענטשן וועם מיר באדינען. אונטער גאווערנער האקול'ס פירערשאפט, ארבעטן מיר צו פארמינערן שטרויכלונגען און פארגרינגערן די וועג צו ציבור'ישע ארבעט פאר אלע ניו יארקער, באזונדערס אזעלכע פון פילפארביגע הונטערגרונטן און קאמיוניטיס. עס איז גרינגער פון סיי ווען בעפאר זיך צו אנשליסן אין ציבור'ישע ארבעט און אנהויבן א סיפוק'דיגע, שיין-באצאלטע און סטאבילע קאריערע בשעת'ן העלפן אנדערע ניו יארקער אויף א טעגליכע פארנעם."

אלס די ערשטע פרוי גאווערנער פון ניו יארק, איז גאווערנער האקול געווען – און איז ווייטער – א קעמפערין פאר DEIA. אין איר 2024 'סטעיט אָוו די סטעיט' רעדע, האט גאווערנער האקול [פאראָרדנט](#) עקזעקיוטיוו-שטאפל-קאנטראלירטע אגענטורן וועלכע האבן מער פון 300 פול-טיים ארבייטער צו אויפנעמען א 'טשיעף דייווערסיטי אפיסער' אדער אן אנדערע פאזיציע וואס איז געווידמעט פול-טיים פאר פארשידנארטיגקייט, גערעכטיגקייט און אריינגעמונג (diversity, equity, and inclusion, DEI). אין צוגאב, האט גאווערנער האקול פאראָרדנט פאר די אפיס פון ארבייטער באציאונגען (Office of Employee Relations), אין צוזאמענארבעט מיט די גאווערנער'ס אפיס פון פארשידנארטיגקייט און אריינגעמונג, צו אנטוויקלען א DEI טרענירונג פאר אלע סטעיט ארבייטער, און אזוי אויך האט זיך פאראָרדנט פאר די דעפארטמענט פון ציווילע סערוויס, אין צוזאמענארבעט מיט די גאווערנער'ס אפיס, צו אוועקשטעלן און צושטעלן אנטי-ראסיזם טרענירונג.

גאווערנער האקול האט אויך אונטערגענומען עטליכע שריט צו בויען א שטערקערע און מער פילפארביגע ארבעטסקראפט. די באמיאונגען רעכענען אריין: [מבטל זיין](#) באצאלונגען פאר א ציווילע סערוויס פארהער אפליקאציע; [ארויסקומען מיט](#) אן עפנטליכע אויפמערקזאמקייט קאמפיין צו אדווערטייזן די טויזנטע אפענע דזשאבס אין סטעיט רעגירונג; [אוועקשטעלן](#) צענטערן פאר קאריערעס אין רעגירונג (Centers for Careers in Government) צו העלפן ניו יארקער טרעפן קאריערעס אין די סטעיט רעגירונג; אויסברייטערן געלעגנהייטן דורך די גאווערנער'ס פראגראם צו רעקרוטירן מענטשן און וועטעראנען מיט דיסאביליטיס (Program to Hire Individuals and Veterans with Disabilities, 55 b/c); צושטעלן פינאנצירונג פאר נייע פארהער צענטערן אריבער די סטעיט; און אויסברייטערן דעם NY HELPS פראגראם וואס נעמט צייטווייליג אוועק די פארלאנג צו אריבערגיין א ציווילע סערוויס פארהער פאר טויזנטע ליידיגע סטעיט רעגירונג דזשאב געלעגנהייטן וואס זענען צוגענגליך פאר די אלגעמיינע פובליקום.

###

זיך ארויסשרייבן